# פרשת חוקת-בלק

**בס"ד. משיחת יום ה' פ' בלק, י"ב תמוז ה'תש"מ**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

בהנוגע צו דעם מאסר והגאולה, איז דאָך ידוע די שאלה המפורסמת, אַז למה עשה ה' ככה, אַז ס'האָט געדאַרפט זיין דער ענין פון דעם מאסר, און דערנאָך, (דער ענין) דוקא נאָך דערויף, דער ענין הגאולה;

לכאורה האָט דאָך געקענט זיין דער גאַנצער עילוי מיט די מעלות מיט די ענינים וואָס זיינען צוגעקומען על ידי הגאולה, וואָס איז דאָ דער הכרח אַז ס'זאָל זיין פאַרבונדן מיט דעם ענין, אַז פאַר דערויף איז געווען דער ענין המאסר?

די קשיא ווערט נאָך גרעסער:

אין די ימי המאסר איז געווען אַ שלילה און אַ בלתי-אפשריות צו טאָן אין די ענינים וואָס ער האָט געקענט טאָן אפילו אין דעם מעמד ומצב לפני המאסר והגאולה,

וואָס דעמאָלט האָט ער דאָך געטאָן – לפי המצב דעמאָלט – לפי האפשריות: אויסגענוצט דאָס בשלימותם, און נאָכמערער – מערער ווי כפי האפשריות, דורך מסירות-נפש אין הפצת התורה והיהדות, [נוסף אויף דעם לימוד לעצמו וקיום המצוות בהידור לעצמו];

אין די ימי המאסר איז דאָך ווי מ'האָט געזען בפועל, איז דאָך ניט געווען אָט די אפשרויות ווי זיי זיינען געווען לפני המאסר.

וואָס דאָס האָט אויך אַ קשר מיט דער פרשת שבוע זו, וואָס דאָרט איז דאָך דער פסוק אויך דער "כרע שכב כארי וכלביא מי יקימנו".

דערנאָך איז דאָ אויף דערויף אַ תורת הבעל שם טוב, וואָס ער טייטשט דאָס אָפּ, אַז "כרע שכב כארי וכלביא", אַז "איתא, אין הארי שוכב אלא בשביל לטרוף טרף". אַז מ'זעט בטבע בפשטות ביי אַן ארי גשמי, אַז איידער ער גיט אַ שפּרונג אויף לטרוף טרף – איז אָט דעמאָלט איז ער שוכב.

וואָס דער ענין השכיבה [איז]: ער לאָזט זיך אַראָפּ, לייגט זיך אַוועק, מוריד ראשו וכל גופו למטה, און דורך דערויף גיט דאָס אים די מעגלעכקייט ס'זאָל זיין "לטרוף טרף".

און דערפאַר (איז ער אויך) איז מסביר דער בעל שם טוב, אַז דאָס איז דער ענין פון "שבע יפול צדיק וקם", אַז דאָס וואָס מ'זעט אַמאָל אַ נפילה ביי אַ צדיק – איז דאָס צוליב ס'זאָל זיין



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת חוקת-בלק

דערנאָך "וקם", וואָס ס׳קען ניט זיין אַזאַ "וקם" סיידן ס׳וועט ניט זיין פריער דער "יפול" – בדוגמא ווי ביי אַן ארי, וואָס כדי ס׳זאָל זיין דער "לטרוף טרף", דאַרף פריער זיין "שוכב" – ער לאָזט פאַלן די קאָפּ מיטן גאַנצן גוף למטה, און דאָס גיט אים די מעגלעכקייט "לטרוף טרף".

דורך דערויף וואָס "שבע יפול צדיק", ער נידערט אַראָפּ פון זיין דרגא ומדריגה, וואָס ענינו איז דאָך, לכאורה, לימוד התורה וקיום המצוות בהידור, נידערט ער אַראָפּ און איז זיך מתבונן אין לבושי המתברר, און דורך דערויף איז ער אים מעלה, "מוריד שאול – ויעל", איז ער אים מעלה, ביז דער עילוי ווערט אין אַזאַ אופן, אַז באַ דעם מברר קומט אויך צו כמה פעמים ככה לגבי מעלתו ומדריגתו הקודמת.

וואָס אָט דאָס איז אויך איינע פון די הסברים, וואָס מ׳זאָגט אויף כללות ענין הגלות, אַז וויבאַלד אַז דער אויבערשטער וויל דעם ענין הגלות, כדי אידן זאָלן צוקומען צו אַן עילוי אין עבודת השם בכלל, אין לימוד התורה וקיום מצוותי׳ "כמצות רצונך" דוקא, ווי ס׳וועט זיין לעתיד לבוא, בביאת המשיח – איז פאַרוואָס דאַרף מען דאָס פאַרבינדן דוקא מיט דעם ענין הגלות?!

וואָס [אין] דעם ענין הגלות, לכל לראש, איז ניטאָ קיין מציאות אויף מקיים זיין כמה וכמה מצוות, ביז ס׳איז ניטאָ קיין מציאות אויף מקיים זיין (ריבוי) רוב המצוות.

איז דער ביאור בזה, אַז דער אויבערשטער ווייס, אַז ווי אַזוי קען זיין דער "לטרוף טרף", אַז דוקא דורך "פיזרן הקב"ה לבין אומות העולם", אין אַן אופן פון "פיזור", "ישנו עם אחד" אָבער "מפוזר ומפורד בין העמים", און דוקא אין אַזאַ אופן וועט מען קענען מברר זיין, ו"אתם תלוקטו לאחד אחד", און קומען צו דער צייט אַז ס׳וועט זיין דער בנין בית המקדש,

און אָט-דעמאָלט ווערט ווי ער זאָגט אין די סדרה, "וישראל עושה חיל", אַז אידן גיין מחיל אל חיל בלימוד התורה וקיום מצוותי׳ נאָך אין זמן הגלות,

און גלייך נאָך דערויף גייט מען מחיל אל חיל, לקבל פני משיח צדקנו, וואָס ילמד תורה את כל העם כולו, בשעת ס׳קומט צו אין תורה, קומט אויך צו אין קיום המצוות – גדול לימוד שמביא לידי מעשה – אין הידור בקיום המצוות, על אחת כמה וכמה אין מעשה כפשוטה, ובמהרה בימינו ממש!

© 2002 Jewish Educational Media, Inc.